קיין ברירה„ האט אים דער אידיל גיענטפערט · איך מוז זיך מודה זיין דאש איך זעלבסט האב עם ארויש גינומען · ניין מיין ליבער איד איך גלויב אייך ניט · דען־קיין מענטש איז ניט באגלויבט צו מאכין זיך פאר ארשע שיידין איר וועט שווערין · אונ אזו האט דער אידיל גישוואוירין דאש ער האט זעלבסט ארויש גינומן דאש־געלט אונ האט אים אפ גיגעבין אין גאנצין די געלט · אונ דאן האט ער אים ארויש גיגעבין איין הכשר בריף אויף די וויין · עם וואר דער מיט די שטאט אויף · אונ אזו וואר נאך אגישיכטע מיט איין דוקאטן וואש איינער האט גיפונען. אונ דער אנדערר וואש האט גיזעהן וויא ער האט איין גיהייבין האט גיטענעט דאש ער האט עם פאר לארין · אונ ער האט עם אויף קלאר דער גאנגען מיט גרויש חריצות וועמעם דאש איז דאש דער דארטיגער סענאט האט זיך דאריבער זייער גיוואונדערט · איך וועל עם אבער דא ניט שרייבין · נור אין איין אנדערע גישיכטע וואש דארט וועלין נור באשריבין ווערין אונזערע גרוישע רבנים אונ חכמים · ער האט עם דער גאנגען נור מיט היטראסץ (רמיה) אונ דאך וואר דיזער מאן אזו גרויש אונ אזו הייליג · דאש נאך זיין טויט האט דיא שטאט פראג גימאכט בייא זיך איין <עלה במוסכם דאש זיא זאל נאך אים קיין מאל קיין רב אויף נעמען בייא זיך ווייל עם איז קיינער ניט ראוי ממלא מקומו צוא זיין · אונ אזו איז עם נאך דארט עד עתה · דאש עם איז דארט קיין רב דא נור דרייא גרוישע דיינים :

ענדע

---

# דער ליטוואק אין וואלינען

## דער צוא נאך

דיא געשיכטע פון דעם שינויקער בית עולם : פון דעם אפשאץ אונ דעם מגיד · פון דעם גלינצעסקער שמש · אונ פון דעם ריגאווער שדכן · אלע פינף זאכין · נור צום לאכין · אין יעדער שטיק · איינע באזונדערע קריטיק :

Jl 78.1.37

## ווילנא

בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר מנחם מן ראם

שנת תרל״א לפ״ק

ДЕРЪ ЛИТВАКЪ ИНЪ ВОЛИНІЕНЪ,
или Разсказъ о Евреѣ въ Волыній.

ВИЛЬНА, Въ типографіи Р. М. Ромма. 1870
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

# איינע קליינע הקדמה

דער גאנצער כלל מענטשין פון דער גאנצער וועלט זיינען איין געטיילט פון אייביג אן אונ פשיטא שוין אין אונזערע צייטין אין דרייא קלאסין אין דיא ענינים פון דיא אמונה (רעליגיאן) איינע קלאסע איז רעכט גלויביג. דאש הייסט זיא גלויבט נאר אין דיא ענינים וואש געהערין ווירקליך צוא דיא עקרים פון זייערע רעליגיאנען וואש זיינען צוא זייא בודאי מסכים על פי רוב דאש הערץ אונ דער קאפ (רצון אונ שכל) אונ פירין דעם מענטשין צוא דעם וואהרין גליק פון ביידע וועלטין:

דיא צווייטע קלאסע זיינען דיא יעניגע וואש זיינען שוין אבער גלויביש. דאש הייסט וואש גלויבין אין אזעלכע ענינים וואש לא די זייא געהערין גאר ניט צוא דיא עקרים פון זייערע אמונות זיינען זייא נאך זייא גאנץ דער וויטער. אונ פשיטא שוין דעם גראדין מענטשליכין פאר שטאנד אונ דיא איידעלע נייגונגען פון זיינעם הערצין וויא למשל דאש גלויבין אין כשוף. אין שדים. אין רוחות. אין מתים. אין חלומות. אין בעלי שמות אונ אין גלגולים אדער גאר אין קאבאלא (קארטין אויש ווארפין) וואש דער וואש גלויבט אין זייא איז מכחיש דעם עקר פון אלע עקרים. דאש הייסט דיא אום ענדליכע קראפט אונ פאר מעגין פון גאט ברוך הוא. וויא אונזערע חכמים זאגין. דאש דיא צויבערייא ווערט אן גערופין אין דער העברייאישע שפראכע מיט דעם נאמען "כשוף" "מפני שמכחישין פמליא של מעלה" דאש דיא וואש גלויבין אין דעם פאר לייקענען שוין דיא העכסטע אללמאכט (גאט):



Harvard College Library
Gift of
Leo Wiener,
Nov. 16, 1898.

Дозволено Цензурою 24 Іюля 1870 г. Вильна.

III

דיא דריטע קלאסע זיינען דיא יעניגע מענטשין וואס זיינען גאנץ אום גלויבּיג · דאס הייסט וואס מיינען דאס דיא וועלט איז זיך אזו פון אייבּיג אן · אונ פירט זיך אליין אן אבּורא נור דורך מעכאנישע געזעצע · אונ פּשיטא שוין דאס דיא תּורה איז ניט מן השמים · אונ דאס גלייכן · וואס אונזערע חכמים רופין זייא אן מיט דעם נאמען «אפּיקורסים» :

דיזע לעצטע בּיידע קלאסין · דאס הייסט דיא אבּער גלויבּישע אונ דיא אום גלויבּיגע · שאדין זיך אליין אונ דיא גאנצע מענטשליכע געזעלשאפט · דיא שעדליכסטע אונטער זייא בּיידין אבּער איז נור דיא ערסטע דאס הייסט דיא אבּער גלויבּישע · דען ווען אויך בּיידע צוא גלייך זיינען גאטס לייקענער וויא מיר האבּין דא פריער געשריבּין · האט דאך דיא אנדערע (דיא אום גלויבּיגע) איין יתרון איבּער דיא ערסטע מיט דעם פאר שטאנד · דען זיא געהארכט נאך אונ פאלגט דעם געטליכין שכל · אונ האט אזו נאך קיין טויזנט טייל געטאן פון יענע בּאזהייטין (רשעות) וואס דיא אבּער גלויבּישע קלאסע האט אין דער וועלט געטאן · נאך האט זיא קיינע קינדער מקריב געווען צוא דעם גאנץ מולך · נאך האט זיא קיינע איינציגע פערזוין פאר בּרענט אויף דעם שייטער הויפין (שמום האלץ) פאר וואס ער דיינקט ניט וויא זיא · אונ נאך האט זיא ניט אזו פיל אן געשטעקט (פאר גיפטעט) מיט איהרע דעות נפסדות אנדערע מענטשין וויא יענע · איין איינציגער שווערמער אדער פאנאטיקער (דאס הייסט איין ערהיצטער אבּער גלויבּישער מענטש) קען אין איינער קורצין צייט פאר פעסטין הונדערט טויזענדע מענטשין מיט זיינע שעדליכע דמיונות אונ מיסד זיין אין דער וועלט איינע פאר דארבּענע זעקטע (כּתּה) וואס בּרייטעט אויס איהרע פרעסענדע ווארצעלין אונטער דעם מענטשליכין געשלעכט וויא איינע געפעהרליכע קרעבּס קראנקהייט · אונ דאס איז אויס צוהייערלייא אורזאכין · ערסטענס ווייל דער אום גלויבּיגער האלט

עס

די שעדלעכסטע זאַכן די צווייטע גרופּע, ניט די

[illegible]



עס ניט פאר אסורה דעם אנדערין צוא בּאריידין דאס ער זאל דיינקען וויא ער · צווייטענס מוז דאך איין אום גלויבּיגער עטוואס איין דיינקער זיין · אדער אזו איין עטוואס וואס שעדליכעס געלעזין וואס דאס האט אים צו דיא פרייע דיינקערייא געבּראכט וואס מען מוז שוין האבּין דער צוא איינעם געוויסין גראד בּילדונג · אונ אזו אזאטונג מענטשין איז אם וויינגסטין דא אין דער וועלט · דען דער וויל עס דיינקען אדער לעזין וואס פרייא דיינקער שרייבּין · צום אבּער גלויבּין אבּער בּרויכט מען קיינע פאר בּרייטונגען (הכנות) צוא האבּין וואס מעהר מען איז אום ווי‍סענדער (פּראסטאק אדער געוועזען) איז אליץ לייכטער צוא ווערין אבּער גלויבּעם · דאהער האט דעם שבּתי צבי גאר קיינע מיהע געקאסט צוא פאר פירין אהאלבּע וועלט מיט זיינע פאלשע משיחות · אונ צוא לאזין נאך זיך זעקטען (כּתּות) וואס זיינען איין שטעכענדער דארין אין אונזערע זייטין :

אונ דאהער געפינען מיר אין אונזער תּורה הקדושה פיל מעהר אזהרות אנטקעגין דעם אבּער גלויבּין אלס אנטקעגין דעם אום גלויבּין · למשל וויא אנטקעגין כּשוף · אנטקעגין דעם געצען דינסט · דאס זיא האט געשריבּין וויא מען זאל זיך בּאגייען מיט איין עיר הנדחת · דאס הייסט וויא מען זאל דן זיין איינע גאנצע שטאט וואס וועט זיך לאזין בּריידין צוא איינער געצען דינסט :

דער צוא נאך האבּין אין זיך אמעלה דיא אום גלויבּיגע דאס מיט דער צייט קומען זייא צוא דעם וואהרין פאר שטאנד אונ ווערין דאן רעכט גלויבּיג · צוא אויס ערפאהרונג (נסיון) אדער דורך וויכטיגע וויכּוחים וואס האבּין מיט זייא אפט גרויסע חכמים אונ ווערין אזו גידרונגען דורך מופתים נאמנים (ריכטיגע בּעווייזען) בּיז זייא זיינען מודה על האמת · דען זייא טראכטען אונ אכטען דאך דעם פאר שטאנד · דיא אבּער גלויבּישע אבּער בּלייבּין אימער אונ אייבּיג בּייא זייערע פאלשע דמיונות · מען

מען

מעג זייא ווארפין אקאץ אינם געזיכט ווערין זייא ניט רויט · מען מעג זייא ווייזין בחוש דאש זייערע דמיונות איז שוא ושקר · און זייא בלייבין בייא זייער אבער גלויבין · פאר איין שיינעם בייא שפיל דער צוא קען אונז דינען דיא געשיכטע פון שינויקער בית עלמין וואש איז גישעהען אין דיזעם יאר הונדערט · דאש אין דיזעם דור :

## ·שינויקער בית עולם·

מיט איאר פופציג צוריק האט גיוואונט אין דעם דארף סינויקע וואש איז אפאר ווייארסט פון קלעצק איין געוויסער ראנדאר וואש מען האט אים גירופין ר׳ זכריה סינויקער · דיזער מאן וואר גיקריינט מיט אלע מעלות ומדות טובות וואש עס האבין זיך מיט זייא גיצירט אין יענע צייטין דיא גיהייבענע ישובניקעם · ער איז גיוועז אאיד אלמדן · אפרומאק · איין חלעבע דאוועץ (מכנים אורח) און וואר נאך דער צוא אויך איין בעל מקובל · און איז אויך דאהער גישטאנען בייא דער גאנצער זיכפשאפט (אקאלעצע) אין איינעם היילינין גרוך · עס וואר דער ציילט פון אים דאש ער האט אין וואלד אשטיביל מיט אמקוה וואש איז פול מיט קבלה ספרים און נעמט דארט אן וויזיטען פון אליהו הנביא · נון איז מיט דעם מענטשין דארט אזו ווייט גיקומען דאש מען פלעגט פארין צוא אים וויא צוא אגוטין אידין · דער וועגין איין עצה אין גישעפט זאכין · איין אנדערער וועגין איינער קראנקהייט · ווייבער פלעגין אים גאר ניט לאזין אטהעמען · דיא איז גיקומען וועגין קינדער דיא וועגין אמאן וואש איז זיך פאר לאפין · און ווער רעט שוין פון אמקשה ללדת · ער פלעגט אפילו דעם עולם צוא טרייבין פון זיך · דיזער טרייבין אבער וואר וויא איין מיידכען טרייבט פון זיך איר געליבטען · דאש הייסט איך וויל כלומערסט ניט און דוא אבער שלעפ מיך מיט גיוואלד · און מען פלעגט אים טאקע

ניט



ניט אפ לאזין ביז וואנען מען פלעגט ארויס צוא באקומען פון אים אקמעא (קאמייע) · אין דיא ערשטע צוויי יאר האט ער דער פאר קיין געלט ניט גיוואלט נעמען דער נאך אבער אלם עס האט אים אהאנט צו גיצוינין האט ער שוין אן גיהייבין געלט צוא נעמען · ערשטענס וויל ער איז גיווארין איין נצרך דער צוא · צווייטענס וויל מען האט אן גיהייבין פון יענער צייט אן זייער שטארק צוא ברויכין זיינע קמיעות · דען מען האט עס גיהאלטין פאר איין גיוויסין בעווייז דאש ער איז איין עכטער בעל השבעה (גייסטער באשווערער) · וויא אונזערע חכמים זאגין דאש יעדער בעל השבעה מוז ווערין מיט דער צייט איין בעל טום · נון האט ער זיך שוין דער פון מפרנס גיוועזן זייער גוט · דען זיינע קמעות האבין דאן גיהאלטין בעסער וויא דיא היינטיגע אן וויזונגען אויף דיא זיכערסטע קאנטארין · ווייל ער איז קיין מאל גיווארין באנקרוט · האט עס גיהאלפין וואר בודאי גוט · האט עס ניט גיהאלפין האט ער גיוואוסט אויף צוא ווייזין אויף דעם חולה · אויף דער עקרה · אויף דער עגונה איין געוויסין פגם (פעלער) פאר וואש עס האט ניט גיהאלפין · און ער איז גיווארין דורך דעם נאך היילינער :

און האט זיך אזו דורך גילעבט זיין לעבין אין גרויש מנוחה און אין גרויש כבוד און האט נאך דער בייא זיינע קינדער אויך גוט פאר זארגט · דען ער האט זייא איבער גילאזין אגוטע ירושה · צוואר קיין בארעם געלד · אויך קיין חכמה און קיין מלאכה · ווייל ער האט דיזע אלע דרייא זאכין זעלבסט ניט גיהאט · ער האט זייא אבער איבער גילאזין אזו אזאך וואש איז נאך פיל בעסער פאר אלע דיזע זאכין · דען געלט קען מען זייער לייכט איבער פירין · חכמה איז ערסטענס נאר איינע זינדע עס צוא האבין · צווייטענס שטייט דאך ·לא להכמים לחם· חכמים האבין קיין ברויט · מלאכה דאש גלייכין איז עס גאר איינע שאנדע צוא קענען · און צווייטענס זאגט דער אלטער

שפריך

שפּייכלוואַרט פון יעניע כפר · איז געווען פּאַפּע · ניט אַזוי אָבער וואַר דיא זאַך וואָס ער האָט זייא איבער גיזאָגט · עס וואַר אַזוי איינע פּרבשאַפט וואָס מען האָט זיך גיקענט פון איר גינערין אין עהרין אייבינג און איטער · דאָס הייסט ביז עס וועלין זיין אַפּער גלויביגע מענטשין אַנטער אונז אידין · און אַזעלכע וועלין דאָך בודאי ניט אויס גיין זינד דיא וועלט וועט שטיין · קורץ דער פון איך וויל דא ניט מאריך זיין · ער האָט זייא איבער גילאָזין אַשטיקיל גרונד (קרקע) וואָס מען האָט אים ניט גיראַרפט אַקערין · ניט זייען און פּשיטא שוין ניט שניידין און דאָך פּלעגין דיא יורשים אַריין צוא קאָסען פון אים אַלע יאָר מעהר אַלס טויזענד רובּיל זילבּער · דיזער שטיקיל גרונד וואַר קוים צוויא מאָרגעם גרויס און וואַר אָפּ גיקויפט פון איינעם גיוויסען טאַטער וואָס מען האָט אים גירופין מוסטאַפּא פאַר איין שפּאַט געלט און באַלד אַרום גיצאַמט גיוואָרין מיט אַהויכין פּאַרקאַן און מיט איינעם פעסטין טויער · דיא מעשה מיט דיזעם פּלאַץ וואַר אָבער אַזוי :

דיזער ר׳ זכריה האָט זיך עטליכע יאָר פאַר זיין טויט פּורש גיוועזן אין גאַנצין פון דער וועלט · דאָס הייסט ער האָט איבער גיגעבּין דיא אַרענדע אין דיא הענט פון זיינע קינדער · און אַליין האָט ער זיך אַוועק גיזעצט אין זיין שטיבעלע וואָס ער האָט גיהאַט אין וואַלד נאָנט בפרישות און האָט צוא זיך שוין קיינעם צוא גילאָזין · און אין אַיאָר נאָך דעם האָט ער אָנ גיהייבּין צוא דער ציילין גרויסע וואונדער פון איינער פּאַסיעקע אָדער זאַסיעקע דאָס הייסט פון אַשטיקעל אוים נעהאַקטע פעלד וואָס געפינט זיך אין מיטען וואַלד ניט ווייט פון זיין שטיבּעל · ערשטענס דאָס ער זעהעט אָפטער בייא נאַכט וויא עס שוועבּין אויף איר אוים געליטערטע נשמות פון צדיקים וואָס זיינען שוין געשטאָרבּען פון כמה הונדערט יאָר · צווייטענס האָט ער אָנ געמערקט אויף איר זייער פיל קברים · דריטענס הערט ער אי

איד



דיא שטילע נעכט וויא רוחות שפּרעכין איינער מיט דעם אַנדערן · און האָט אַזוי דורך דעם מגלה גיוועזן כמה וכמה נסתרות · למשל באַהאַלטענע חטאים · און בייזע גזירות וואָס שטורעמען אָן צוא קומען אויף דיזעם עולם · נאָך מער עס קומען צו אים צוא חלום כמה וכמה קדושים וואָס זיינען דאָרט מקובר גיוואָרין און זיינען אויף אים גוזר דאָס ער זאָל זעהען דאָס מען זאָל דאָרט אויף דיזער פּאַסיעקע קיינע פערד פיטערין · און מען זאָל איר בעסער גאָר אַרום צאַמען · און דאַפיר וועלין זייא זיין מליצים טובים פאַר דיא שטאָט לייט און פאַר יענע וואָס וועלין קומען מתפלל זיין אויף זייערע קברים :

און אין דער נאַכט פון הושענא רבה האָט ער שוין דער ציילט דאָס דיא טויטע לייט וואָס זיינען דאָרט מקובר לאָזין אים שוין ממש ניט לעבּין און זעהען זיך מיט אים דאַריבּער בייא טאָג אויך · נון פאַר שטייט זיך דאָס דיזער הייליגער ספור פון אַזוי אַהייליגין מאַן אין אַזוי אַהייליגע נאַכט האָט ניט פאַר פעלט זיין ווירקונג · עס איז גיוואָרין דאָרט באַלד אַגרויסע אסיפה · מען האָט צוא זאַמען גיקליבּין נדבות · און באַלד נאָך יום טוב האָבּין דיא גבאים גיבּעטין דעם ר׳ זכריה דאָס ער זאָל אויף זיין נאָמען אָפּ קויפין דיא פּאַסיעקע פון דעם קרר מוסטאַפּע · ווען ער וואַר מיט אים זייער מקורב · און וועט אים פאַר גיוויס פאַר קויפין פאַר אַגישפּעט · און האָט עס טאַקע אָפּ גיקויפט בייא אים גאָר פאַר אַקליינעקייט אויף זיין נאָמען · און וויא מען האָט נור דיזען פּלאַץ אַרום גיצאַמט · זיינען אויף אים שוין אָן גיפאַלין אַגאַנצע שטאַרע עגונות און עקרות <ניכפעניקעס> און וואָס נקייכין · האָבּין מתפלל גיוועזן · פעלד גימאָסטין · צדקה גיגעבּין און אַגרויסער טייל פון זייא וואָס האָבּין זיך פאַר טרעפט פון דאָרט באַלד נאָך דעם אין אַנדערע שטעטלאַך האָבּין דער ציילט גרויסע וואונדער פון דיזעם נייעם בית עולם · דען אַנדער דער ציילין צוא אמת צוא ליגין איז איטער אמצוה

און

אונ בפרט נאך צוא גלויבין אין וואנדער · אונ דאהער האט
דיזער בית עולם באקומען אין פערלויף פון איינעם יאר אגרויש[ין]
שם אין דער וועלט : דען דיא וואונדער געשיכטען פליהען גיכער
אלס דיא אדלער אונ וואקסין אויף זייער וואנדערונג וויא דיא
לאווינע *) אין איר אראפ קייקלען זיך פון דיא אלפען בערג ·
נון האבין אן גיהייבין צוא פארין צוא אים מענטשין פון ווייטע[...]
לענדער · פון וואלעכייא · באסעראביען · פון אונגערין · פון [...]
גאליציען · אמייל אין קארעטעם · אמייל אין פראסטע וועגין · אמ[ייל]
אמייל גאר צוא פוס · דאש הייסט רייכע אונ ארעמע · יעדער[...]
מיט איין אנדערע פאטרעבע · דער וועגין קינדער · דיא וועג[ין]
אשידוך · וועגין פרנסה ; וועגין גיזונדהייט · איין אנדערער וועג[ין]
עונות אונ דאש גלייכין · אונ יעדער האט זיך פון דארט אי[...]
גיקערט איין גיהאלפענער · ווען ניט ווירקליך דאך ווייניגסטענ[ס]
גימיינט עס צוא זיין · אונ האבין צוא גישיקט צוא דיזעם בי[ת]
עולם נייע מאסען מענטשין · אונ דער צוא פאר וואר אזו גרויס[...]
דאש דעם ר' זכרים קינדער וואס אין זייערע הענט וואר ד[ער]
שליסיל פון דיזעם בית עולם זיינען אין אמשך פון דרייא יא[ר]
גיווארין זייער רייך דאש זייא האבין זיך דארט אויס גיבויט גי[...]
הייזר אום בעהערבערגין די אורחים · וואש פלעגין אהין צו קומ[ען]
למאות ולאלפים · דען מיט דער צייט האבין רבאים אליין [...]
גידייבין צו שיקין אהין כמה וכמה עונות · אונ מענטשין וואס[...]
האבין אין זיך גיהאט גלגולים · איין מאל איז אראפ גיפאר[ין]
אהין

---

*) לאווינע ווירד אן גירופין איינע פייכטע קייקעלע שניי[...]
וואש קייקעלט זיך ארונטער פון דיא הויכע אלפייעשע בערג וואו[...]
זיינען דארט אין שווייצאריע וואש ווערין גרעסער פון מינוט צו[...]
מינוט דורך דעם שנייא וואש קלעפט זיך אן זייא אן ביז [...]
ווערט אזו גרויס דאש עס קאן פערשיטען בייא איר ארונטער[...]
פאלין גאנצע דערפער :



[...]ין נאר איין געוויסער בעל השבעה אום צוא דער ניין וועלכס
[...]רושים עס זיינען דארט מקובר האט ער זיך דארט פאר זאמט
[...]ינע עטליכע וואכין אונ האט פון אלעמען ביז איינעם גימאכט
[...]ינע איכקאסקע · דען ער האט זייא אלעמען באשריבין ווער
[...]א זיינען · אונ פון וועלכין שורש זייערע נשמות וואקסין · אונ
[...]לכע זיינען שוין גילייטערט · אונ וועלכע דארפין נאך מגולגל
[...]רין אונ האט אזו באצייכינט זייערע קברים מיט גרויס געוויסהייט
[...]א איין אגראדניק דיא גיוועקסע פון זיינעם גארטין · אונ דורך
[...]ם איז דיזער בית עולם בעפלאנצט גיווארין מיט דער צייט
[...]ט זייער שיינע מצבות · אונ וואר אלזו אצייט מיט יארין איינע
[...]ע פלאץ פאר פיל מעהר אונ גרעסערע בהמות אלס ער וואר
[...]ער בעפאר דער ר' זכריה האט אים גיקריינט פאר איין אידעשין
[...]ת עולם · אונ דער עולם איז גיגאנגען צוא אים וויא אוואסער
[...]ה וכמה צעהענדלינג יארין · ביז פאר איאר עטליכע אונ דרייסיג
[...]ט אויף גיוויזין איין אלטער מאלנא פון זייערע אלטע קראניקעס
[...]ש דיזער בית עולם איז גאר איין טאטערשער מאהילניק · מען
[...]ם אויף גיגראבין עטליכע קברים אינ מען האט גיפונען דאש
[...]א מתים זיינען דארט מקובר זיצענדיק וויא דער מנהג איז
[...]א דיא טאטערין · אונ מען האט עס אפ גיגעבין צוריק דיא
[...]ערין · גראדע אום יום נוראים צייטין בשעת עס וואר דארט
[...]טשין פול אונ מען האט זייא אראפ גיטריבין פון דארט ניט
[...] ווינטערהייט :

אונ דאך איז קיינער ניט רוים גיווארין דער פון · זעלבסט
[...]ר' זכריה וואש האט דיזען טאטערשין מאהילניק גימאכט
[...] איין אידעשין בית עולם · דאט פון זיין גרויסין נאמען
[...]ניט פאר לארין · אונ זיין היילינגער גרוך האט נאך דארט
[...]אויס גיוועבט · זיין קבר ווערט נאך דארט אין . . . אלס
[...]ק באזוכט :

דער

## דער מגיד און דער אפשאץ

אין איינער געוויסע שטאט וואר דא ניט לאנג אקריג צווי
די דארטיגע משכילים (די געבילדעטע) און צווישן דעם
ווייל ער איז דארט זייער גראב און געקומען ביי דער ק
פון איינעם זייערע לייטע : און אלם דער מגיד האט זיך
באריהמט מיט זיינע טויזענט דרשות וואש ער האט דארט
שטאט אויש געזאגט זינד ער איז דארט געווארן אמגיד ·
זיך איינער פון זייא אפ גירופין "רבי" אייערע טויזענט ד
האבין ביי מיר אזו אבאטרעף און אזו אצורה וויא יענע צ
אבשאצין וואש עס האט געפונען דא מיט איאר צעהען
ר' מענדיל שוחטער · מיט איאר צעהען צוריק האט מען ני
דא ביי אונז אין שטאט זייערע בעלי בתים צוא דער א
פאר פאדאטקעס · דאש הייסט פראסט געזאגט דאש זייא
ראמען דעם מארק · ביותר דעם קליינעם מערקיל וואש
גיט קיין גרונט וויא דער ים האט קיין גרונט ווייל מען האט
ניט נראמט פון דער ערסטע רעוואלעציאן · אונטער
בעלי בתים וואר אויך דער ר' מענדיל שוסטער · ער וואר
נאר <אשיינער איד מיט אפרק משניות> און וואר גיקל
וויא איין רעכטער בטלן · דאש הייסט אין אזופעצע מיט א
זיידען קיטייענעם נארטיל אין אקאפעלוש וואש וואר מיט א
קייליכדיקעם קעפיל און מיט אברייטין ראנד וואש באפע
צום קעפיל מיט שווארצע שנירלאך און דער צוא נאך אין
קעמעל הארענע דעקיע · און אין דער זעלבינע קליידונג
ער גיין אויך צוא דיזער ארבייט און האט געמאכט דעם
זייער ערענסט · דען ער וואר באמת איין גאנץ ערליכער
און האט ניט געוואלט נארין אפילו דעם <בודניק> וואש
גישטאנען אקאפעצקע פאר שיקערט ביי דיזער ש
ארבייט · נון איז דאן אויף אים ווירקליך מקוים געווארן





כה פון דעם פסוק "נוצר תאינה יאכל פריה ושומר אדוניו
די" דאש הייסט דער וואש היט אפ ריכטיג דעם פייגען בוים
יסט דער נאך זיינע פרוכט · און דער וואש היט אפ זיינעם
ן · בכיבט אין עהרין · דען ער וואר אין גרוים עהבין די
צייט ביי דיזעם בודניק · און האט נאך דער ביי געפונען
סין שאץ · דאש הייסט איין <אפשאץ> דער צוא נאך מיט
שענע פאדקאווע · און האט אים ארייין גירוקט צווישן דעם
ל · און האט אזו באקומען דורך דעם מעהר מוטה צוא
יטין נאך פלייסיגער · און האט דורך דעם געפונען נאך
איין אפשאץ · און האט אים ארייין גישטעקט אין דעם
רין זייט נארטיל · און אזו וואש ער האט אלץ מער פלייסיגער
סט האט ער אלץ געפונען מעהר אפשאצין פון דעם זעלבינגין
גער · און האט זייא ארייין גישטעקט אין די צוא ריסענע
נעם פון זיינע צוא ריסענע הויזין און פון זיין זופעצע ביז
אט נאך זיינעם רעכענונג נאך צוא זאמען גיקליבין אגאנצין
נדליג · און אלע מיט מעשענע פאדקעוועם · און דאך האט
ן אוועגד אלם ער איז לויז געווארין און געקומען אהיים מער
דער וויסט ביי זיך וויא איינעם · ווייל ער פלעגט מער
וויא גיפינען דעם ערסטין און דעם זעלבינגין אפשאץ וואש
לעגט פון אים ארוים צוא פאלין ראמענדיק :
דאש זעלבינע סבה איז מיט אייערע טויזענט דרשות ·
האט איינע און די זעלבינע דרשה איבער געזאגט טויזענט
און ווייל איר גידיינקט איר ניט : דוכט זיך אייך דאש
האט געזאגט יעדעם מאל איינע אנדערע "נון" האט זיך אפ
דער מגיד · וואלט דאך דער עולם דאש מיר שוין לאנג
נירעט דאש איך זאג אלץ דאש זעלבע · ווייל די וואש
איך איין מאל די קאסטען אייך שוין ניט הערין דעם
ן מאל האט אים יענער גיענטפערט · און דאך האט אייך
פעלט אן צוא הערער · דען אונזער שטאט איז גינוג גרוים :

נון וואר דארט אגרוים גילעכטער דער פון אונ דער צוא אש…

## דער וואלקאמירער שדכן

מיט איאר צוואנציג צוריק האט גילעבט אין ליגאווע…
געוויסער איר וואש מען האט אים גירופין ר׳ אליקום צי…
אלם קינד וואר ער איין עילוי אונ אגרויסער מיוחס או…
גיווארין איין איידעם בייא איינעם רייכין שיינקער · או…
נאך · דאש הייסט אלס ער האט אויף גיגעסין זעקס יאר …
איז בארוסם · אונ איז גיווארין אבעל מטופל פון זעקס קינ…
האט ער אן גיהייבין צוא קנעלין ביז ער איז גיווארין אר…
פראקטאק אונ איז זיך גיווארין אין זיינעם פופציגסטין יאר…
אשדכן · ער וואלט אפילו דער צוא אויך ניט גיטויגט…
יעדער שדכן סוז דאך זאגין ליגין · אונ צוא ליגין זאגין מ…
דאך האבין אזכרון · אונ דאש האט אים גאר אין גאנצין גיפ…
דאך האבין אים זיינע קרובים וואש ווארין זייער פיל אונ פאר…
לייט אויש רחמנות אים גיברויכט בייא זייערע שידוכים…
פלעגין אים מיט גיוואלט אריין מישין אין דיא הויפט ש…
וויא הלבנה אין דיא קטורת אונ מיט דער צייט האבי…
דיא שדכנים גיברויכט צוא זייערע שידוכים וויא דיא ענים…
רופאים (ערצטע) פלעגין צו גיברויכין זייערע פושער (וואחי…
אדער פארטאצעם) אום צוא טאן דעם ערסטין שניט אין…
טויטין קערפער וועלכין זייא האבין גידארפט אין באלזאמיר…
דאש הייסט זייא פלעגין אים צוא שיקין דעם ערסטין נא…
יענע שידוכים וואש דער ערסטער פאר ליינער אדער ח…
שטייט

°) דיזער האט גימוזט באלד וויא ער האט נור איין גי…
דעם קערפער אין בויך אום ארויס צוא ציהען דורך דיזין…
דיא איינגעווידע · גימוזט באלד אנטלייפין · דען זאנכט וו…
אים דיא קרובים פון מת ממית גיוועזן אויף דער שטעלע…



…ים אין גיפאהר אוים גיפאצט צוא ווערין אדער צוא אראפ
…ארפין צוא ווערין פון אלע טרעפ פאר דיזע באליידיגונג ·
… בייא שפיל וויא פאר צוא שלאגין איינעם גיפאלענעם נגיד
… האט מיט דיא עלטערע קינדער שוין גיטאן גרויסע שידוכים ·
… ער זאל טאן מיט איינעם רייכין שניידער אונ איין חתן
…ראסטאק אויף דער צוא :

ער האט צוא אזעלכע גיפעהרליכע גיינג זייער גיפאסט ·
…סטענס ווייל ער וואר אויך אקינד פון אגרויסין יתום אונ איז
…וארין איין איידעם בייא איינעם פראסטין שיינקער · אונ
…ייטענס האט מען אים גיהאלטין אין שטאט פאר אהאלבין קאך
…פיל וואש מישט אויש אלע הייזער שטייענדיק אויף דעם שול
…ף פון אונטין ארויף · וואש איז פול אום אונ אים אונ איז
…ן ערגעץ ניכט אונ ווינד אונ וויא וואר יענעם דער וואש איז
…ס גראב אן גיקומען אונ איז אים אריין גיפאלין אין מויל ·
…ט דאהער פלעגט מען פון אים אפט אזעלכע גרויסע גראבהייטין
…ט שטיל שווייגין פאר טראגין וואש איין אנדערער וואלט דער
…ן אוועק גיין מיט באקין וואש וואלטין גיוועזן העכער פאר דעם
…א · דריטענס פלעגט ער פאר אזו איינע ביטערע אפעראציאן
…אבין אימער אגרויסין שנאפס אונ פלעגט עס פאר צוא לייגין
…ייענדיק אין איינעם נע טרעזווען וויד · אונ פלעגט דורך דעם
…יל בעסער אוים צוא פירין אלם איין ניכטערער · דען אין
…תחילת פלעגט עס דער גיפאלענער נגיד אן נעסען פון אים
…אר איין איינפאל פון אפיאניע · פון אביואן · נאך הער אבער
…לעגט ער עלין צעפין איינעם פון דיא הויפט שדכנים דאש
…יא זאלין מאכטיישע זיך אליין אין דער זאכע אריין מישין :

נור דער קיצור פון דיזעם אלעם · דאש אונזער ר׳ אליקום
…דעם איז גיווארין דורך דיזע פראפעסיע איין רעכטער שוועבער ·
…וואר זיך ניט גיוועלגערט אין גאס · דאך אבער נימאלס גיגאנגען
…ליין · אונ פאר אשנאפס פלעגט ער צוא פאר קויפין זיין
מענשליכען

מענשליכן כבוד · אדער אזו נאר אניטיגין חפץ · וויא עשו
דיא בכורה פאר אטאפ לינדזען :

serious biblical allusion

נון האט זיך גימאכט דיזעם ר׳ אליקומען אזו אגיפעהרליכן
גאנג קיין וואלקעמיר · אונ עס האט אים אזו וייט גיצוואונגען
דאש ער וואר זעלבסט דער מתחיל אונ זעלבסט דער גומר : אונ
דאש האט אים גיטראפין דאש ערסטע מאל אין זיינעם לעבין :
אונ וויל עס וואר דארט תנאים דאנערשטאג ביי נאכט · האט
ער זיך איין גילאדין שוין דארט ביי דיא מחותנים אויף שבת ·
אונ האט זיך פאר זאמט דארט ביי זייא נאך שלש סעודות
ביז אשטיק אין דער נאכט · דאש הייסט ביז איבער טייא : אונ
ביז דער ווין האט דארט אפ גיזונגען · אונ ביז איין מחותן
האט זיך דארט אפ גיתורעט · דאש עס איז אים אויש גיקומען
צוא גיין אויף זיין שטאנציע צוועלף דעם זייגער ביי נאכט ·
עס וואר דאן אסען צייט · אזו וויא ארום כסליו וואש עס דרייט
זיך דאן דער ווינטער מיט דעם זומער וויא אפאר פאלק
אאודעשע אין דעם ערסטין יאר נאך דער חתונה · אונייכע האט
עס גישנייט אונייכע האט עס גירעגינט : נון מיינע טייערע
לעזערין מוז איך אויף אקליין ווילע דא אוועק ווארפין אונזער
ר׳ אליקום צירעם גייענדיק פון דיא מחותנים אויף זיין שטאנציע
אונ וועל זיך דא פאר נעמען אביסיל מיט דער באשרייבונג פון
אקליינעם שיינקער וואש דארט אויף דעם וועג אונ פאר וועלכן
עס האט גידארפט פאר ביי גיין אונזער שדכן :

אין דיזעם שיינקער האט גיוואוינט איינע גיזויסע אלמנה
וואש איר מאן איז איר גישטארבין אין דיזעם יאר אונ באחד
נאך אים זייגען איר גישטארבין דרייא קינדער איינער נאך דעם
אנדערין · דאש עס איז איר מער ניט וויא איין קליינע מיידל
פון אפאר גיבליבין · אונ זיא וואר אין שרעק אונ אין ציטערנעס
אויך איבער איר · דען פון כמה וכמה נעכט האט זיך איר
גיחלומט דאש איין אלטער מאן רייסט איר פון איהרע הענט
נון



וואר זיא אזו וויט באווארנט וועגין איר דאש זיא פלעגט צוא
ברענען גאנצע נעכט פייער ביי זיך אין שטוב אונ איהרע
שכנים פלעגין זיך בייטין צעהען מאל אנאכט ביי איר אין הויז
אום אפ צוא שלאגין איר אונ צוא היטין דאש קינד · אונ עס
ווארין דיא טירין פון דיזעם שיינקער אפין במעט ביז טאג · מיט
דיזער אלמנה וואר אויף דיא שטאט · יעדער האט עס אליין
גיקלערט דער קלערט · אונ דאך וואר ניט איין דעה וואש זאל
קענען דאש דער שטן איז דא אין שפיל · דען עס האט זיך
דארט גיטראפין ניט דא גידאכט דאש גרעסערע מיידלאך זיינען
ביי נאכט פאר חאפט גיווארין · אונ מען האט זייא דער נאך
ער וויסט ניט פאר אונז גידאכט אין פוסטע קעלערין מיט
ניט נוטע :

נון צוריק צוא אונזער ר׳ אליקום דעם שדכן · אלס ער
איז ארויס פון דיא מחותנים · וואר דארויסען אשנייא מיט
רעגין · דא האט ער אויש גיקערט זיין בראנקאוועין פוטער
אויף דעם לינקען זייט אונ האט אים ארויף גינימען איבערין
קאפ · אונ איז זיך גיגאנגען צוא זיין שטאנציע · צום אום גליק
וואר ער שוין דאן גאנץ הונגעריג אונ איז גיוועזן זייער אונ זייער
אויף גילייגט צוא מאכין אשנאפס · נון ווארין דער צוא צווייא
סיבות · ערסטענס ווארין אלע שיינקען שוין צוא · צווייטענס
האט ער ביי זיך קיין געלט ניהאט :

comic biblical allusion

עס וואר אבער באלד מיט אים גרויש וואונדער גישעה
וויא מיט דער הגר אין דער וויסטע · דען וויא זיא האט דער
זעהען אברונעם מיט וואסער דארט · אזו האט ער דער זעהען
פון ווייטען אפענעם שיינקער · עס וואר אים אליכט אין דיא אויגין
אריין אין קאפ אונ אויך אין דיא אויגין פון שכל · דען ער איז גיפאלין
אויף איינעם נסין איינפאל · איך האב ביי זיך אמעסער איין
גיוויקלט אין געליינטען · האט ער ביי זיך גיטראכט · נון וועל איך אים
פאר זעצין · אונ האט אויך דער שטעלע ארויש גינומען דעם

מעסער · האט אויף גיעפינט דעם קלינג · אונ איז אריין
גרוים האסט מיט דעם אפענעם מעסער אין האנט דארט
שווינקעל · עס וואר דאן צוועלף דעם זייגער שבת צוא נא
אונ האט נאך דער צוא נאך גיזאגט צוא דער אלמנה ו
האט דאן גיהאלטין דאש קינד אויף דער האנד ״גיב מיר
קינד״ אונ בעפאר ער האט נאך ניט פאספייעט אוים צוא ז
דער צוא ״אמרונק בראנפין אויף דיזעם מעסער״ איז דיא ווי
וואש האט גימיינט דאש ער בעט פון איר דאש קינד אונ
אזו יענער אלטער וואש רייסט דאש קינד פון איהרע הע
אלע נאכט : איז זיא גיווארין העכסט דער שראקין · אונ ה
אן גיהייבין צוא שרייען וויא ניט מיט איר קול ״מיין מל
המות איז דא · אוי ראטעוועט מיר אונ מיין קינד״ אונ איז
ביא גיבליבין אין אונמאכט · נון וועט פאר שטייט דאש
דאש עס זיינען אויף דיזעם ביזין לארעם צוא זאמען גילא
פיל ווייבער אונ מוידין דארונטער אויך איינע מאנעם לייט
אונ ווארין אויך ניט ווייניגער צוא שראקין אלס דיא מו
זעלבסט · דען נאך האבין זיא אין זייער לעבין ניט גיזעהן
אווילדע באשעפענעם אין איינעם אוים גיקערטין פוטער
אשטרייפעלע מיט אמעסער אין האנט אין מיטין נאכט · אונ זיי
אזו גישטאנען אהיפשע צייט פון ווייטין ביז עס זיינען אונט
גיקומען איינע אדוואזניקעס אונ דער צוא זייער גענומע
ביא זייא גיבליבין דאש פריער פאר אלץ זאל מען אים פאסלע
דאש הייסט מען זאל אים בלוטיגין · אונ מען האט אים פא
דער לאנגט איינינגע פעך איינע נאך דיא אנדערע ביז מען ה
אים באדאמט אונ דער נאך האט מען אן גיהייבין צוא פראו
מיט אים נאך אנדערע אבער גלויבישע סגולות · ערסטענס ה
מען אוים גירופין פון אים האר אונ מען האט דער מיט אונט
גירייכערט דאש קינד מיט דער מוטער · דער נאך האט מ
אים ארום גיפירט ארום שטופ זיבין מאל אונטער אצויבער מא

וואס



וואש דרייא אלטע פרויען אן ציינער האבין אים אויש גיפייפט ·
ר נאך האט מען אים דרייא מאל דורך גישלעפט דורך דעם
ערע קוימען מיט גרויש מיהע · אונ אזו האט מען אים גימאטערט
גרוים טאג · דען מען האט פון אים גינאמט יענע דרייא
ער אונ אלס מיט גרויש שטירדעם אונ מיט רוקעם אונ
אקעם : עס האט ניט גיהאלפין זיין ווינען אונ זיין בעטין
ביא זייא · ביז עס איז גיווארין אויף דער מיט דיא שטאט ·
ש הייסט דאש מען האט ביא חנה דיא אלמנה דער תאפט
ם אשמדאי · דעם סוסמאטיק זעלבסט · מען האט אים דער
אפט ביא דער האנד גאנבענדיק דיא קינדער · עס זיינען
ין צוא זאמען גילאפין קינד אונ קייט · נון האבין זיך שוין
ט גיפונען אזעלכע מענטשין וואש האבין אונזער ר׳ אליקום
עם דער קאנט · אונ האבין אים מציל גיוועזן פון זייערע
ער גלויבישע הענד · אונ איז אזו גיקומען אויף זיין שטאנציע
ין צוא קיילטער אצו ביילטער איין אפ גערוסענער אונ איין
יקט אין רוס אונ שאזע · אונ האט נאך דיזע גישיכטע צוא
דיינקט שיינע עטליכע וואכין · אונ פון יענער צייט אן האט
ן אים גירופין ר׳ אליקום צרת :

## דער ליטוואק אין וואלינען

מיט איאר זעכציג צוריק אלס דיא וועלט האבין זיך נאך
אזו שטארק ניט קאמוניקירט איינער מיט דעם אנדערין וויא אין
אונזערע צייטין · דאש זעלבסט שטעט פון איינער מדינה ווארין
פרעמד איינער מיט דער אנדערע אונ פשיטה שוין אמרינה מיט
אמרינה · וואר דאן וואלינען מיט ליטהויען אזו ווייט איינע
פון דער אנדערע · אונ אזו אום באקאנט צווישין זיך דאש ווען
איין וואלינער פלעגט צוא קומען קיין ליטע · אדער ווען איין
ליטוואק פלעגט צוא קומען קיין וואלינען ופלעגין דיא דארטינע
אונ דיא היזינע איין וואונער לויפין אויף איהר ביזין וואונדער

דיזען

דיזין נאסט צוא זעהען אונ פלעגין זיך ניט קענען זאט אן אין זייערע קליידונג אונ אן צוא הערין זיך זייער לשון · אונ פלעג זיך אימער צוא האסין איינער מיט דעם אנדערין וויא הונט מיט איין קאץ · מעהר אבער דער וואלינער דעם ליטוואק זיין וואכבענדיקע היטיל האט ער גירופין חצי שבתיל · אונ איין לופטקאק אדער נאר צלם קאפ :

נון האט זיך גימאכט דאש אין יענער צייט האט פאר אירט איין יונגער מאן איין ליטוואק ביז אין דעם טיק וואלינייען · דיזער יונגער מענטש וואר דאן אלט בערך צווייא אונ צוואנציג · ער וואר דאן שוין איין גרוש · ער וואר שיין פון גישטאלט · אונ אויך מיט איינעם זייער גיזונטן מענטשין פאר שטאנד · דער צוא נאך האט ער זייער גילערינט · זייער שיין גיזונגען · אונ אויך גוט גישריבין · גענוג מעלות פאר אזו אשיינעם יונגין מאן · פאר יענע צייט · פאר יענעם געגענד · ער איז אוועק אהין צוא פוס · ער ארויס פון דער היים אזו וויא נאך חנוכה אונ פורים צייט האט ער אן גיצויגין שוין ניט ווייט פון אליק · אונ איז גיבליבן פורים ביא איינעם רייכין ישובניק וואש האט גיוואונט צוויי מייל פון דיזער שטאט :

ער האט זיך אפ גישטעלט דארט אום אסתר תענית באצייטין · דען עס וואר גאר אום מעגליך ווייטער צוא גיין ווייל עס וואר איין זייער שלעכטער וועטער · באלד האט עס גישנייט באלד האט עס גירעגינט · נון האט ער זיך ארײן גיכאפט אין דיזער קרעצמע פון דיזעם רייכין ישובניק קוים מיט דער נשמה · נאס וויא אקאץ אונ פאר קילט וויא איין שטאציק אייז · אונ האט זיך אויף זיין פעקלע אנידער גיזעצט לעבין דעם אויבן אום זיך אפ צוא טריקענען אונ אן צוא ווארעמען · קוים אבער האט ער זיך דארט איין עטוואס צוא רעכט גימאכט · אונ עס





אום אן גיהייבין אפ צוא גיין דיא ביינער אונ דיא גלידער · האט אן גיהייבין שוין צוא גיברוכין זיינע פינף חושים · הייסט ער האט אן גיהייבין שוין ריכטיג צוא זעהען אונ הערין · האבין זיינע אויערין באלד פאר נומען דעם אום ליכין גערויש מיט איינעם שאלענדען לאבין ״שלום עליכם אק״ פון מעהר אלס צעהען אייזערנע קעהלען · צוואר ים ארײן דורך דיזען אום פריינדליכען גערויש דיא בלוט פון ים אין פנים · דאך האט ער קיין ברירה גיהאט · דען עס אום מעגליך ווייטער צוא גיין אונ האט דארויף גיענטפערט פריינדליך ״עליכם שלום״ קוים האט ער אויס גישפראכין וויא ווערטער וואר ווידער דארט איין שאלענדער גילעכטער · עס איז ביא זייא אויס גיקומען דאש ער רעט נאר גאנץ · אונ אלע הויז מענטשין האבין זיך ארום גישטעלט אים קוקין וויא אויף איינעם בערין · אונ ער איז זיך גיזעסין אונ פאר שעמט וויא אוואלף אין דער וואלף גרוב אין ער ער איז ארײן גיפאלין · ביז זייא זיינען זיך צוא גאנגען זייערע ערטער · אונ דאן האט ער ערסט גיהאט גינוג צייט באטראכטין דאש הויז אונ דיא הויז לייטע :

ערסטענס האט ער דער זעהען דארט דאש אמלמד וואש פראסטאק וויא מיטום ארשע בשעה ער לערינט אחשורוש מיט פיר אך וואש האבין גיקענט ריידין קוים אידעש · צווייטענס ער אן גימערקט וויא עס זיצין דארט אין אווינקיל צווייא לייט אונ פראווען איין שרייער דיזע ווארין שוין שטאט אבער דאך גאנץ פראסטע לייט מיט ווילדע געזיכטער · ווארין שאפארעס פון איינעם גוויסין געהילץ הענדלער · וויא איז דארט גיזעסין אסופר וואש האט גישריבין אספר דער צוא נאך אשניידער אשוסטער וואש האבין גינייט ער אונ שוכווארג אויף פסח שוין · אלע דרייא גרויסע ע יונגען וואש האבין זיך איבער אונזער ליטוואק פיל

מעהר לוסטיג גימאכט אלם אלע אנדערע וואש וואהרין דארט
דאך מעהר פאר אלע דיזע הויז לייטע ווארין אין
אינטערעסאנטער (וויכטיגער צוא באטראכטין) צוויא ווייבליכע
פערזוינען · אונ דאש וואר די באלעבאסטע זעלבסט · איינע
פרויא פון איאר עטליכע אונ פערציג · גרויס אונ דיק וויא איינע
(טיראלער קוא) געקליידעט זייער רייך · אין אטייערע בינדע
אין בורלאנטענע אורינגלאך · אונ האט נאך דער צוא אויך
גיזעהען מעהר יונג אלם אלט דאש הייסט וויא איין ענדיג וואש
האט שוין אפ גיהערט די עשרה מכות נאר קיין הקדמות ניט
אונ נאך איהר האט זיך נאך גישלעפט וויא אקאלב נאך א
אווייבעל פון איאר צוואנציג · שטארק · שיין אונ גיזונד · א
עם וואר לייכט יעדערין צוא פאר שטיין דאש זיא וואר ד
ווירטענם אטאכטער · דען זיא האט אוים גיזעהען וויא איין
ריכטיגע קאפיע פון איהר · אדער וויא איינע נייע אויף לא
פון איינעם עלטערין ספר · אונ וואר דער צוא אויך זייער ש
אונ רייך גיקליידעט · לעבעדיג אונ פריילך · אונ האט א
ווייליע אקוק גיטאן אויף אים מיט איינעם שמארצין אונ פערראכטעט
בליק אונ דער צוא נאך איין עטוואס צוא גילאכט :
אונ דאך האבין די הויז לייטע באלד אנגעמערקט · דא
אונזער ליטוואק האט נור אויגין פאר דיזען ריווצען דען אי
האט גיהייסין דיזע ווייביל · דאש הייסט דאש ער קוקט ש
אויף איר · אונ האבין אזו באקומען דורך דעם איינע נא
גילעגענהייט צוא מאכין זיך לוסטיג מיט אים איבער פורים ·
די ווייבעל וואר ווירקליך איינע גרושה · נון איז זיך צוא גינאנ
צוא אונזער ליטוואק איינער פון די שאפארעס · אונ האט ב
אים גיפרעגט צוא ער האט אוייב · אונ אלם ער האט א
גיענטפערט דאש ער איז אנרוש · האט דער שאפאר באו
ארויש גיפלאצט מיט אשידוך פאר אים מיט דיזער ריווצען
ער האט איר אים פאר גישטעלט וויא איין גוטער לץ ·
טויזנט



טויזנט טרייפע הערטלאך · דאש אלע האבין זיך גישטיקט
גלענדיק · אונ אונזער ליטוואק האט זיך גימאכט צום נארין
ש ער פאר שטיים ניט דאש מען לאכט דא פון אים · אונ
עם זייער סוריאזנע אוים גיהערט · אונ האט נאך דער ביי
ענט צוא וועט מען נאך קעסט אויך געבין · אונ איין שטר
זכר אויך · אונ האט דער צוא דעם שאפער גיוויזין זיינע
נים וואש ער האט פון דעם רב וואש איז אין זיינער שטאט ·
ער איז אמיוחם · אונ איז אפיינע בריה · אונ דאש גלייכין ·
ער האט גישפילט דער ביי די ראלע פון איינעם עכטין
ין · דאש די הויז לייטע האבין גימיינט דאש ער איז
קליך איין דוראק · אונ האבין גאט גידאנקט דאש ער האט
צוא גישיקט אזו אשטיקיל סחורה איבער וועלכע זייא וועלין
קענען לוסטיג מאכין איבער פורים · אונ וואש לוסטיגערעם
גישפילט ווערין אין דעם געמיינעם אידעשין ליבען אלם וויא
צוא ריידין איינעם אום קלוגין שלעפער דאש עם וויל אים
טען פאר אמאן איינע נבירעשע יונגע שיינע ווייבעל :
נון האבין זיך דארט אין שטוב אלע פאר איינינגט אין דיזעם
פאס · זעלבסט די ריווצע · זיא האט איבער גינומען אויף זיך
שפילין אזו גאר די שווערסטע ראלע אין דיזעם שפיל ·
אש הייסט אלם איינע פאר ליבטע אין אים · אונ האט עם
שפילט וויא איינע מייסטערין · אזו צום ביי שפיל איז זיא
פאר ביי גינאנגען פאר ביי אים אלע מינוט · אונ האט
אויף אים גיקוקט מיט פאר גאנבעטע בליקין · האט אים צוא
גיווארפין אפאצייליקע דאש ער זאל זיך ארום וויכין · האט זיך
גיבייזערט אויף די אינגלאך וואש האבין אים גיצופט פאר
ינע חצי שבתיל (ראנאפקענע היטיל) האט אים צוא גירעט
אש ער זאל אן בייסין ווייל ער זעהעט אוים זייער בלאס ·
האט ביי אים גיפרעגט צוא זיינע ערסטע ווייב וואר שענער
אר איר · אונ אלץ קליימערסט באהאלטענערהייט · דען וויא
איי-ער

אײנער האט נור דער זעהן דאש זיא רעט מיט אים האט זיא זיך אפ געתאפט מיט גרויש האסט. אונ דאן פלעגט זיא דער צוא זיין צוא אים דער שרכן דאש הייסט דער שאפער; אונ האט אים גיגעבן צוא פאר שטיין וויא דיא ווייבעל איז אין אים פאר ליבט איבער דיא אויערן: קורץ דער פון מען איז שוין מיט אים אזו ווייט אין ריינעם גיקומען: דאש באלד נאך דער מגלה זאל זיין חופה. אונ דאן האט ער שוין אן גיטאן זיינע שבתדיקע בגדלאך. דיא שטריימעלע: אויסיסע העמד אונ אין זיך גיזעסן כלו חתן. אונ דיא ריוועצע דאש גלייכן האט אן גיצויגן שענערע קלײדער אונ האט זיך ארום גיוואשן. אונ האט פון אים דיא אויגן ניט אראפ גינומען אונ פשיטה שוין ער ניט פון איר: דאש אלע הויז לייטע זעלבסט דיא מוטער זיינען צוא פלאצט גיווארין פון גילעכטער. אונ האבין מיט אונ גערוקט ערווארטעט דיא חופה ווייל דער רעכטער שפיטאקער וויד נאך ערסט דאן זיין:

אונ אזו איז זיך גיווארין אוועגד. אונ מען האט אים מכבד גיוועזן מיט מעריב דאווענען אונזער ליטוואק: אונ דאש גלייכן מיט דער מגלה לייענען. אונ ער האט זיך דער ביא אזו פיל נארעם גימאכט דאש מען איז צוא זעצט גיווארין לאכענדיק. נאך דער מגלה האט מען אן גיהייבן צוא שנאפסען גאר אן אשיעור אונ ערסט דאן צוא לוסטיג ווערין. אונ מען האט זיך גינומען גאר מיט איינער נייעם פרישקייט צוא דעם פריערין שפיטאקער. דאש הייסט צוא שפילן דא אחתונה פון דעם ליטוואק מיט דער ריוועצע. זיא האט זיך גילאזט אן טאן אדעקטוך אונ ער אקיטיל. אונ מען האט זיא ביידין ארונטער גיפירט אונטער אחופה: מיט זאנג אונ קלאנג. אונ אלס ער האט גיגעבן דאש מען זאל אים געבין אמטבע אזילבערנע מיט וואש אים מקדש צוא זיין. האבין זיא אים גיגעבין אמעשענעם קנעפיל איין גיוויקילט אין אשטיקיל פאפיר. ער אבער וואש וואר קליגער

פאר



פאר וויא אלעמען. האט איר מקדש גיוועזן מיט איינע עכטע זילבערנע מטבע וואש ער האט שוין אן גיגרייט ביא זיך פון פריער. אונ האט פון זיא עס פאר לאנגט אום נור זיא זאלין אים ראזן איר מקדש זיין: דען ער האט פאר שטאנען דאש זיא ווערין גיוויס אים נור איין קנעפיל געבין: אונ דאהער וואר זיא דארט ביא דיזער שפאסהאפטע קדושין זייער אונ אומזיכטיג. אונ אזו איז גיווארין פון דער שפאסהאפטע חופה איינע ערענסטע (וואהרע) חופה. אונ קיינער האט עס ניט גימערקט. ערסטענס וויל זיא האבין גימיינט דאש ער האט איר מקדש גיוועזן נור מיט איינעם קנעפיל. צווייטענס ווארין זיא שוין האלב פאר שיכורט אונ צוא טראגין פון גרויש שמחה אונ גילעכטער. אונ האבין אזו דיא חתונה ראלע גישפילט אויך ביא דער וועטשערע:

אונזער ליטוואק איז זיך גיזעסן אין שטריימעלע אויבין אן: האט גיזאגט תורה וואש ווירקליך צום לאכין. האט שוין אן גיהייבין צוא רופין ריוועצעס מוטער מיט דעם נאמען שוויגער: אונ דיא ריוועצען אליין מיין ווייב. אונ דיא הויז לייטע האבין דער ווײלע גיווארפין דרשה גישאנק. הילצערנע לעפיל: טוערקאטצעס: זאלץ קאסיקעס. אונ דאש גלייכן אונ האבין זיך צוא שטיקט לאכענדיק:

אויף מארגין אזו וויא נאך האלבין טאג צוא דער סעודה איז גיקומען צוא פארין דער בעל הבית אליין דאש הייסט ריוועצעס פאטער. קוים איז ער אריין אין שטוב איז אים ארויף גיפאלין דער ליטוואק אויף דעם האלדז אונ האט אים גיגעבין איין ברייטין שלום עליכם אונ האט זיך אים צוא גלייך פאר גישטעלט פאר זיינעם איין אײדעם. דער פאטער וואש האט ניט גיוואוסט פון קיין זאך האט אים אן גיקוקט עפעם פאר אמשוגענעם. אונ האט אים שוין גיוואלט אויף דער שטעלע אן פראסקען: עס האבין אים אבער דיא הויז לייטע באלד קלאר גימאכט דעם גאנצין עסק. אונ האבין אים דיא זאך. אזו שפאסהאפט פאר

גישטעלט

גישטעלט · דאש ער האט זיך אויך שוין גיט גיקענט פון לאכין
זיך איין האלטין אונ האט זיך אזו מיט אים לוסטיג גימאכט
איבער דיא סעודה וויא אלע איבעריגע הויז לייטע · דאך איז
אים גילעגין אויף זיין גיוויסין דאש כען מאכט חוזק פון אפרעמדין
מענטשין · הגם ער איז אליטוואק · ער איז דאך אאיד אונ דער
צוא נאך איונגער מאן אלמדן · דען ער האט שוין זינד ער אליין
איז גיקומען אן גיהייבין צוא זאגין זייער גלייכע זאכין · אונ
דאהער האט ער אויף מארגין אים גיוואלט שיינקען אפאר גילדין
אונ אפ שיקין אויף אפור קיין אליק :

דער יונגער מאן אבער האט דאן אויף דער שטעלע אויס
גיטאן זיין נארעשע מאסקע · אונ האט צרוים גיוויזין דעם חכם
ביין מיין ליבער שווער. האט ער אים גיענטפערט · איר האט
אלע אין מיר אטעות · איך האב אייך ארעמען גינארט אבער
ניט איר מיר · דען איך האב אייער טאכטער מקדש גיווען וויא
דער דין איז ווייל זיא האט זיך גילאזט מקדש זיין · נון ווילט
איר האבין דאש אייער טאכטער זאל בלייבין איינע אייבינע
עגונה פאר איך אוועק קיין אליק · איך וועל דארט דאש מעלדין
דעם רב אונ וועל פון דארט אוועק אין דער ווייטע וועלט ·
דיזע רייד פון דיזעם ליטוואק האט דעם פאטער אן גיצונדין
וויא איין העלעשער פייער דאש ער האט אים מיט זיינעם לאנגין
ציבוק צוא קיילט אונ צוא ביילט גאר אן רחמנות · אונ דער
נאך אלס ער האט שוין אויף אים דיזען ציבוק צוא בראכין ·
האט ער אין אים אריין גישאטין אפאר טוצענד פעץ אונ דער
צוא נאך אויש געזידעלט אונ אויש גישאלטין מיט אלע שימפווערטער
אונ קללות וואש קען נור איין ; ביז כזיל אוים ריידין דארט
אין וואלינען אויף איינעם ארעמען ליטוואק · האט אן גיהייבין
מיט דיא ווערטער צלם קאפ · אונ אויש גילאזין מיט די ווערטער
צעהען טויזענד שאק רוחות זאל אריין אין דיין טאטען אונ
מאמען. אונ ערכט נאה דעם אלס ער האט זיין גימיט דער

מיט



מיט איין עטוואס אפ גיקילט האט ער צוא גירופין זיינע טאכטער
אונ האט איר גיפרעגט מיט וואש האט איר דיזער ליטוואק מקדש
גיווען · מיט איינעם קנעפיל. האט זיא אים גיענטפערט אונ האט
עם אים גיוואלט ציינין · זיא האט אבער גיפונען ביי זיך אין
קעסטעלע אן שטאט איין קנעפיל איינען זילבערנעם גילדין מיט
וועלכין ער האט איר טאקע מקדש גיווען נור זיא האט עם
ביז אהער גאר ניט גימערקט דען זיא האט גאר ניט ארויף
גינומען אויף איר גידאנקען דאש אזו [אשלומיעל] וויא ער האט
איר ביז אהער אויש גיוויזין זאל זיין אזו אחימרע · נון האט
זיא אויך בקומען פון איר פאטער איר פסק אונ אזו אלע
הויז לייטע · עם וואר דארט לארעם איבער לארעם · זידלעריא
איבער זידלעריא · אונ דאש ענדע פון דיזעם ליד וואר · דאש
מען האט אונזערין ליטוואק גיבונדין אונ מען איז מיט אים
אוועק קיין אליק צום רב אום צוא נייטיגין אים דארט דאש
ער זאל גטין · דאך דאש גטין איז ניט אזו לייכט אן גיקומען
וויא מען האט זיך פאר גישטעלט · דען דיזער ליטוואק האט
ניט פאר שפילט הן ביי דעם רב אונ הן ביי נאציילסטווא
אונ דער צוא נאך זייער שטארק גילאכט · אונג אלס דער פאטער
האט שוין איין גיזעהען דאש מען וועט שוין דא ניט טרוקין
ארוים · דען דער ליטוואק איז פיל קליגער אלס זייא אלע אונ
איז נאך דער צוא ביי דעם רעכט · האט ער אן גיהייבין צוא
באטין אים געלט · ער האט אבער ניט גילאזט פאר וואלוויל
זיך האנדלען · מען האט זיך מיט אים גידונגען גאנצע פינף
טעג · אונ מען איז מיט אים מושווע גיווארין קוים פאר פינף
הונדערט טאלער וועלכע מען האט איין גילייגט ביי דעם רב ·
אונ דיזע קורצע צייט דאש הייסט אין דעם משך פון דיזע
פינף טעג האט אונזער ליטוואק גיהאט גינוג גילעגנהייט צוא
צייגין דעם רב דאש ער איז אוואול לערנער · אגוטער דאוונער ·
אגרויסער שרייבער · אחכם · אונ דאש ער איז פון שיינע לייט :

אונ

אונ איז דעם רב אזוי וויים גיפעלין דאש ער האט אן גישטערט מענטשין זייא זאלין אים בארידין דאש ער זאל ווערין זיינער אתתן · דען ער האט גיהאט אשיינע טאכטער · אונ דאש וואלט בודאי גישעהען · ווען עס וואלט דער פון ניט גיווארין אונזער ריוזצע · דען וויא זיא האט עס נור דער הערט איז זיא צוא גיפאלין צוא דעם פאטער אונ האט זיך פון איינאנדער גיוויינט · ליבער פאטער · האט זיא צוא אים גיזאגט · שוינע דיין געלט אום פרעמדע גליקליך צוא מאכין · ווען דיזער ליטוואק איז ווירדיג צוא ווערין איין איידעם פון אונזער רב · ווארום זאל ער ניט זיין ווירדיג צוא ווערין דיינער איין איידעם · דער מאן זיך מיט וועמען מען האט מיר גירעדט ביז אהער · מיט בורים · מיט גראבע יונגען · מיט דוראקעס · דער צוא נאך מיט הולטייעס אונ וויסטע מענטשין וואש האבין צוא פינף זעקס קינדער פון דער ערסטע ווייב · אונ דיזער יונגער מאן איז דאך אוואול לערנער · אגרויסער שרייבער · אוואול זינגער · אחכם אונ דער צוא אגאנץ שיינער אן קינדער אונ האט נאך דער בייא פינף הונדערט טאלער אונ וויל מיר · אזו דארף איך שוין גאר קיין בעסערין שידוך פאר מיר · דאהער איז מיין ראט דאש דוא זאלסט אים שוין ניט איין לאזין · אליטוואק איז אויך איד :

דיזע רייד איהרע זיינען זייער טיף ארייין דעם פאטער אין הארצין · האט זיך מישב גיוועזן דאריבער מיט זיינע גוטע פריינד מיט דער ווייב · אונ אלם זייא האבין דער צוא מסכים גיוועזן · האט מען שוין גימאכט איין שטועס מיט אונזער ליטוואקיל דאריבער · אונ ער דאס גלייכין האט זיך ניט גילאזט לאנג בעטין דען דיא ווייביל איז אים גיפעלין פון ערסטין בליק · אונ האט זיך אפ גישטעלט בייא דיזעם רייכין ישובניק פאר איין איידעם · מען האט גימאכט איבער נייעם חופה · אונ דעם זעלבינין וואש מען האט אים מיט איינינע טעג פריהער ארויס גיפירט אניבונדענעם אונ אצו קיילטין אונ אצו בייקטין

פון



פון דיזער שטוב · האט מען אים שוין צוריק גיבראכט מיט גרויס פרייד אונ מיט גרויס עהרע · אונ האט זיך גימאכט מיט דער צייט אזוי ווייט בעליבט בייא זיינע שווער אונ שוויגער · דאס זייא האבין אים אן גיטרויט אלע זייערע גישעפטין · אונ איז גיווארין מיט דער צייט אגרוישער אקסין הענדלער :

ר׳ הושיל גלינצעסקער שמש אונ איין גיוויסער כותר
ר׳ מאיר שעלייקעסקער :

דער ר׳ מאיר שעלייקעסקער וואר איין גרויסער וואל ...הענדלער · איין גרויסער למדן · איין גרויסער חכם · איין גרויסער ...שר · נאך מעהר אבער איין גרויכער שפאס פויגיל (לץ) · ...ן האט זיך אים אמאל גיטראפין אסבה וואש טרעפט זייער ...ס איינעם רייזענדען כותר · עס האט זיך צוא בראכין איין ...ס אין זיין קאבידקע פארענדיק פאר בייא דער קליין שטעטיל ...נצעסאק לעבין דער שטוב פון דעם דארטיגין שמש ר׳ הושעל · ...ם וואר דאן אסען (הערבסט) עס האט גירעגינט · גישנייט · ...ר צוא זייער ווינטיק אונ קאלט אונ זייער קויטעק · דאהער ...ם ער זיך ארייין גיהאפט אין דער ערסטע שטיביל וואש ...ין איר האט זיך אים גיטראפין דיא סבה · אונ דאש וואר ...א מיר האבין שוין דא פריער גישריבין דיא שטיביל פון ...ס שמש · אונ דיא קאבימקע האט ער אפ גישיקט מיט זיין ...ן צוא איר דאקטער · דאש הייסט צום שמיד וואש האט ...אנט אן אזייט פון שטעטיל · ער האט אבער דארט אין ...יל דער וויכט מער ניט וויא דעם שמש טאכטער פון ...ר איין אונ צוואנציג · אשווארצע · אנעשמופעלטע · דען ...וואר נאך דיא מאדע צוא האבין איינענע פאקין · אונ דיא ...דעכע פאקין פלעגין צוא האבין דאן זייער שווערע טריט ...זייא פלעגין צוא לאזין הינטער זיך טיפע גריבלאך · אין ...ם · אונ זייער אפט פלעגין זייא נאך צוא טרעטין איין אויג :

אונ

אונ מען האט זיך גיהאלטין פאר גליקליך דאש מען איז ארויס
מיט איינע אנאנצע · נון וואר דיזע מויד איינע פון די גליקליכע
וואש האט גיקענט מיט איין אויג נאך אריין קוקין אין גאטעס
וועלט · אום אים צוא קלייבין פון איר אחתן פאר זיך · דאך
איין אויג איז ניט צווייא דאהער האט גידויערט דער זיבין פין
אין איר איין אונ צוואנציגסטין יאר אונ נאך וואר קיין נאדוייע
(אוים זיכט) אויף אחתן · אונ וייל אמויד פון איין אונ צוואנצי
יאר וואר דאן מעהר וואונדער אלם אוייביר פון צוועלף יאר
אין אונזערע צייטין · דאהער ווערט זיא גירופין שוין מיט דעם
שענדליכין נאמען ·אלטע מאד· אונ די עלטערין וואלטין אי
אוועק גיגעבין שוין פאר דעם ערסטין בעסטין שנארער וואש
וואקט איר וועלין נעמען · נון וועלכער שנארער וויל עם נעמ
אוייב וואש זיא איז בלינד נור אויף איין אויג · ווייל דא
איז ניט אהין אונ ניט אהער · דאש הייסט ניט זיא נוצט צ
פאר דינען אונ ניט צוא בעטלען דען די וועלט גיט ני
איינעם ריכטיגן סגי נהור · אונ מאכין זיך אויך בלינד אויף די אנדע
אויג בידים זאגט דער מגיד פון שטעטיל ר' עזור שרה רחה על
איז ניט רעכט · דאהער איז זיא זיך גיזעסין ביי די עלטע
אין שטוב גאנץ פאר וויסטעט אונ פאר קימערט וויא א
אויש געמידענע פון דער גאנצער וועלט · אונ אין אזו ה
(באטריבטין געמיט) האט איר דער וויסט אונזער ר' ש
סעלייקעסקער · זיא וואר דאן אן גיטאן אין אשווארצע ליוענע
קלייד · דאש גלייכין אין אפרעם שטוציקע העמד אונ דעם
ארום גיבונדין מיט אפארצייטיגין אדער אלט מאדעשין וו
שנור · אונ האט גיבלאזין מיט פולע באקין אין אפייער ט

אונ עם וואר אלם זיא האט דיזען ר' מאיר דער ז
האט זיא זיך פאר שעמט אונ האט אויף זיך ארויף ג
די מוטערס צוהייא אונ האט אים גיבעטין זיצין אונ האט
צוא גלייך גיפרעגט וואש ער ברויכט דא א מיין קינד



ער זיך צוא איר אפ גירופין · עם איז שוין גינוג צייט דאש
אזו אמויד אין יארין וויא דוא בייסט צוא פאר שטיין אליין פון
זיך וואש אמיר וויא איך פאר בלאנזעט אין אזו אשטוב וואש
איז דא אדער וואקסענע טאכטער · מהספתם וועגין אשידוך ·
וואו איז דיין פאטער · דארפט מיר דא וואונט · אונ איז גיבליבין
שטעקין אין זיינע רייד ווייל ער האט ווירקליך ניט גיוואוסט
ווער דא וואונט אונ בפרט ער האט דעם שמש גאר ניט גיקאנט ·
דאך אבער די מויד די חכמה האט אים באלד אונטער
געכאפט זיך מיט דיזע ווערטער · יוא יוא איר האט קיין טעות
דא וואונט טאקע מיין פאטער ר' הוישע דער שמש : ער איז
צטער מיט דער מאמען אין מרחץ · מען הייצט היינט דארט
אר נשים · אונ איז גיווארין דער ביי א רויט וויא פונק ·גוט
יינע טאכטער· האט ער זיך צוא איר אפ גירופין אט זייא זע
ך מטריח אונ רופ אים וואש צום גיכסטין · נון פאר שטייט
ך דאש זיא איז גילאפין אפילע האסטיגער אלם איין מיידכען
טרייפט פון איינעם יונגין ליב האבער וואש יאגט זיך בלומערסט
ך איר נאך · דער פאטער איז גיקומען אין פאר שאגעטער
איין אטעם · דען זיא האט אים גיזאגט גייענדיק · דאש דיזער
עמדער זעהעט אויש זייער רייך אונ האט עפעם גירעט וועגין
שדוך פאר איר · אונ איז אריין גיפאלין מיט דער נאזע אין מיר
ר אן נשמה :

אונ ווער קען זיך נאך פאר שטעלין זיינע גרויסע פאר
אנדערונג אלם ער האט דער קאנט אין דיזעם פרעמדין דעם
ר סעלייקעסקער וואש וואר אין יענעם געגענד אשם דבר
ר אגרויסין עושר · פאר אגרויסין סוחר אונ למדן אונ דער צוא
ך פאר אגרויסין נדבן :

יא אליהו הנביא האט אייך גיבראכט צוא מיר אין שטוב·
ם זיך דער שמש צוא אים אפ גירופין (מען דארף אוים שלאגין
ם אויבען) דאש איז אביסיל אגאסט · וואש נוטץ וועט איר

זאגין

זאגין איך וויל זיין אין שרכן אייער טאכטער. האט ער זיך אפ
גירופין צוא אים · נור איר זאלט אייך ניט קאפריזין · איך פאר
איצונד פון אייער פריץ · פון דעם גראף אניקס · איך האב בייא
אים גיהאנדעלט הונדערט פור וואל · האב איך בייא אים גיזעהען
אזון פון איאר פינף אונ צוואנציג אגרויסער מלומד · ער שרייבט
לשון קודש אויך זייער שיין · נון קומט בייא מיר אויש דאש איר
זאלט אייך לאזין האנדלען · אונ זאלט מיט אים טאן. גאט איז
מיט אייך. האט זיך דער שמש אפ גירופין · וואש רעט איר
עס · ער איז דאך אשיינעץ · אגוי · איין ערל · איך קען ניט
דעם יוזעפקען · אצרה מיר ניט גישעהען איר זאלט עס זאגין
אט הייבט זיך אן דיא אלטע שמאכטעס. האט זיך אפ גירופין
דער ר' מאיר · ניט פאר געסט דאש ער איז אגראפס אזון ·
אונ איז אליין אויך אגראף · עס וואונען אונטער אים כמה וכמה
מאות אידין · עס גיהערין צוא אים כמה וכמה שטעטלאך · דער
מאנט אייך וויא פיל אידעשע נפשות איר וועט דער מיט
ראטעווען · ווען עס איז אן גישטאנען אסתרין דיא צדקניות
צוא ווערין אווייב פון דעם אחשורוש · מעג אן שטיין אייער
טאכטער צוא ווערין אווייב פין איונגין גראף · אסתר איז גי
פון שאול המלכם פאמיליע · אונ אייער מויד איז אטאכטער פ
אבעהער · אסתר איז גיוועזן איינע יפת תואר אונ אייער מויד
איז אשווארצע · אונ שוין אלט איין אונ צוואנציג יאר · מיר
גיפינען דאש יעקב איז גישטראפט גיווארין מיט דינה ווייל ער
האט איר ניט גיוואלט געבין פאר אווייב צוא עשו הרשע · ד
זיא וואלט אים בוודאי מחזיר למוטב גיוועזן · אונ פשיטה דפשיטא
וועט איר גישטראפט ווערין ווען איר וועט אייער טאכטער ני
ווערין געבין פאר אווייב דיזעם יוזעפקען וואש פאר שטייט א
פיל לשון קודש · זיא וועט פון אים מאכין זייער לייכט אי
אידין · אונ איר וועט דער צוא אייערע צרות פאר געסין
וועט אייך באלד ארין זעצין אין אגוטע קרעצמע אונ נאר א





זיסט · אונ אייער שטוב וועט אי"ה זיין פול מיט אלעם גוטין ·
אונ אייער טאכטער וועט ווערין באלד אנהאפינגע · ער וועט אייך
פארגעווים אוים בויען אנייעם בית המדרש · ער וועט אייך מאכין
אפארקאן ארום דעם בית עולם · ער וועט אויש טיילין נייען אויף
פסח אלע אייערע ארעמע לייט · נון פאלגט מיר אונ קאפריסעט
אייך ניט אונ טוט · איר וועט מיר אימער אונ אייביג דאנקען :
גוט. האט זיך דער שמש אפ גירופין · אט וואבום האט
ער גראדע אויש גיקליבין מיין טאכטער דער צוא אונ ניט
א טאכטער פון איינעם אנדערין · ערשטענס ווייל איך האלט אייך
פיל קליגער אלס אלע אנדערע אידעלאך אונזערע · אונ צווייטענס
ווייל איר זייט פיל באדערפטיגער צוא אשידוך אלס זייא · ניט
פאר געסט אייער טאכטער איז שוין אלט בי"ה איין אונ צוואנציג
יאר · אונ דריטענס זייט איר דער ערסטער איד וואש איך
רייד מיט אים וועגין דעם · דען אקארקט דאש איך פאר פון
הויף אונ עס האט זיך גימאכט אזוי אסבה דאש איך זאל איצונד
ארין אין אייער הויז דען גם האט זיך גראד לעבין אייער שטוב
דיא אקס פון מיינער קאביטקע צוא בראכין · נון זעהט איר
אין וויא מיר אידין גלויבין דאש שידוכים זיינען פון גאט דאש
דיזער גליק איז נור אייער טאכטער באשערט · אונ ווען איר
וועט דורך אוים ניט וועלין וועל איך עס פאר שלאגין איינעם
אנדערין נאש וועט פילייכט פאר שטיין בעסער אלס איה דיזען
גליק צוא באנוצין :

איר זייט אפילו אפשר גירעכט. האט זיך דער שמש אפ
גירופין · דאך וואש וועט דיא וועלט דארויף זאגין · דער שמש
ר' הוישעל האט אוועק גינעבין זיין טאכטער פאר איין ערל ·
אונ צווייטענס מוז מען זיך דאך מיישב זיין פריער מיט אונזער
ר' עוזר שרה רחה עלקעלעס צוא מעג מען עם טאן על
דין · א פאר דער וועלט האט איר גאר ניט וואש מורא צוא
האבין · דען וויא דער יוזעפקע וועט ווערין נור אונזער אידעם

חעט דיא וועלט שוין מורא האבין פאר אייך · אונ וואש אי
זאגט איר ווילט אייך מישב זיין מיט אייער מגיד איז וואש
אנדערם · רופט אים זייט מוחל אהער אונ מיר ווערין דא מי
אים ריידין · דען איך בין אויך קיין פראקטאק · נור זאגט אי
ניט צוא וואש מיר דארפין אים דא · נון איז אונזער שמש גילאפ
וואש צום ניכסטין אונ האט גיבראכט דעם מגיד :

קיים האט דער מגיד דער הערט דיזען פראיעקט פ
דיזעם ר׳ מאיר שעלייקעסקער האט ער גיטאן אשפרונג פ
איילין אהינטער אונ וואלט פילייכט נאך ווייטער אלס פיר איי
גישפרונגען ווען עס וואלט גיוועזן גינוג פלאץ אין שטוב · א
האט גיטאן אגישרייא "שטייט איר ר׳ מאיר · איר זאלט עס זאגין
איר זאלט עס קענען פון מויל ארויש ברייגען אזעלך צוא גע
אאידעם קינד פאר איין ערל · איר וואש דיא וועלט האלט
פיל פון אייערע לומדעם :

אונ האט אים באלד אויף דער שטעלע אויף גיוויזן ע
צוואנציג ערטער · פון פסוק · פון גמרא · פון יורה דעה דא
דאש איז איין איסור גמור וואש איין אינגיל וויים אויך דאס דא
עס איז פערבאטין · אונזער ר׳ מאיר דער שעלייקעסקער וואר או
אבער אגרויסער דרייא קאפ אונ האט אים בעוויזן אונ איינגעווענ
פון כמה וכמה אנדערע שטעלין דאס דאש אונטער דיזע מאמר
זייען גאר ניט געמיינט היינטיגע קריסטן · קורץ דער פון עס
גיווארין אונטער זייא אגרויסער הארגערייא ביז דער מגיד א
גיווארין שוין אביסיל ווייכער אונ האט צוריק גיטראטין מיט אפ
איילין נעהענטער צוא דעם ר׳ מאיר · אין אפערטיל שעה אר
נאך נעהענטער · אונ דער מגיד איז מיט דער צייט ארין גיפא
שוין אין אזו אספק ווענין דעם דאש ער האט שוין ניט גיקע
שטעלין אויף זיך אליין · איז ביא אים גיבליבין דאש מען ז
שיקין נאך ר׳ שיקלען דעם פרוש · אונ האט גילאזט צוא גל
ברייגען אפאר אלטע שאלות ותשובות · דער ווייל האט אונז
ר׳



מאיר גישיקט נאך שנאפס אונ נאך לעקיך · האט גיהייסין
בין אגוטע ווערטשערע · פיש אונ בראטען · עס איז גיקומען
פרוש מיט אפאק ספרים · אונ מען האט זיך מפלפל גיוועזן
ע ביז דיא ווערטשערע איז גיווארין פארטיג · אונ דאן פאר
ניין צום טיש האט זיך דער נגיד באשפראכין ביחידות
דעם פרוש אונטער דעם אויבין אהיפשע ווייל אונ האבין
אום גיקערט מיט דעם עלה במסכם · דאש וויא מען וויים
דיזער גראף איז אגרויסער אלים (אתקיף) בעונותינו הרבים
וועט חלילה באם מען וועט ניט ווערין · אן טאן גרויסע
אזו זיינע אידין אין פרט אונ אלע אידין אין כלל · איז
היתר גמיר מיט אים צוא טאן · קוים וואר דער פסק אויש
ראכין איז גיווארין דער שמש גאר איין אנדער מענטש ·
ווער רעט שוין פון דער מיידיל · עס איז שוין גיווארין אויף
נאר איין אנדער הויט · זיא איז גיווארין פון שווארץ
אנעטקע · פון אגישטופעלטע איינע עטוואס גיפאקטע · פון
ש אלטע מויד איינע צייטיגע מיידיל · מען האט זיך צוא
· מען איז גיווארין גוטע פריינד איינער מיט דעם אנדערין ·
הייסט דער מגיד מיט דעם ר׳ מאיר · אונ דאש גלייכין
ר׳ מאיר מיט אים · מיט דעם פרוש · מיט דעם שמש אונ
ווידער מיט אים · מען האט גימאכט אבריייטין שנאפס ·
מען האט זיך צוא גיוואונצין צוא זעהען פון איר ישועות
וחמות וויא פון אסתר המלכה · אונ דאש גלייכין · אונ דער
מאיר האט מפליא גיוועזן דעם יונעפקען עד למעלה דאש ער
אין זיך איין אידעשע הארץ אונ ווערט ממש צוא קאכט
אאידעשע טאכטער :

אונ אזו וואר גישפראכין ביא דעם טיש פון איינעם גרויסין
ראר דאש הייסט פון איינע גרויסע בעלוינונג פאר דעם
ר׳ אין דעם איז ארין דער פורמאן אונ האט אן גיזאגט
ר׳ מאיר דאש דיא קאבימקע איז שוין פארטיג · איינ
גישפאנט

גישפאנט און מארט שוין דא לעבין מיר · דא איז דער ר' מאיר
אויף גישטאנען אום אוועק צוא פארין · און אלס דער מגיד
האט אים גיפרעגט ווען וועט עס למזל קומען צוא איין גמר
האט ער אים גיענטפערט עס פאר שטייט זיך דאש אגמר קען
נים זיין אזו גיך · מען דארף נאך ריידין מיט דעם גראף דאריבער
מיט דעם זון · מיט דער גראפינע צוא וועלין זייא וועלין · דען
זייא האבין אויך אדעה · שטייט צוא וואש דען האט איר און
גידרייט אמוח אגם זיסט · האבין זייא אים אלע דרייא גיפרעגט
דאש הייסט דער מגיד דער פרוש און דער שמש · עס איז נאר
נים אום זיסט · האט ער זייא גיענטפערט · דען איר האט דאך דער

---

פאר גיגעסין אוועטשערע · און צווייטענס האב איך אייך ד
אין תחילת גיזאגט דאש דער גראף וויל · איך האב אייך מש
נים וויא פאר גילייגט · און ווייטער ווילט איר גיים און רעט אי
אליין · נייין פאר שטייט איר מיך · האט זיך אפ גירופין דע
פאטער · אז איר האט שוין אן גיהייבין צוא טאן ארום אמצה
זאך · איז דאש רעכט דאש איר זאלט עס טאקע בקרב גומר זי
למזל · האט זע מיר קיין פאראיבעל · האט אים דער ר' מא
גיענטפערט · איך קען מיט אזו אקריסט וואש איך שטייא מי
אים אין גישעפטין נים איין דייסין · און ווידער אקשה אויף א
איין ערל · עס קען אים אזו אמעשה גאר פאר דריסין און
נאך הייסין ארייין האקין דער פאר אויך זייער גוט · און אשמ
האב איך פיינט וויא דעם טויט · עס איז אייער קינד שטעלט
פאר איר אייערע פרייצעס · אדער שיקט איינעם אנדערין נא
פאר גוטע שדכנות · גינוג פון מיר דאש איך האב עס אייך פ
גילייגט אזו אנליק זאך · און ווייטער זייט מיר גיזונד · און
אזו אוועק גיפארין · און אין עטליכע טעג ארום וואר דער
פול דיא שטעטיל און אלע ארומיגע שטעטלאך · און מען לא
דאריבער דארט נאך עד היום :

---



## פופצעהען פראגען

וואש זייערע אנטווארטען זיינען דא עטוואס ווייטער .

1) וואש איז עש פאר איין פראפעסיאן וואש גדויערט גראדע לייגער וואש מער נעהילפען (טאנואריסטנוע) מען האט צוא איר · 2) וועלכען ערב ראש חודש ריכט מען נים אפ יום כפור קטן : 3) וועלכע מוטער האט קיין קינדר גיהאט און וועט נים האבין : 4) פון וואגען וואקסט דער גלייך ווערטיל ווען איין נאר ווארפט אריין אשטיין אין גארטין קענן אים קיין צעהן קלוגע ארויס נעמן · 5) פון וואגן וואקסט דער שפריכווארט וואש מען זאגט אויף איינעם גיפאקענעם נויה ער האט אפזלגן אתיר מיט האר · 6) ווער זאגט נאך נאר דעם לעצטין ווארט פון איינעם געשפראך · 7) וועלכע עפיל וואקסט נים אויף בוימער · 8) וועלכע צונג זאגט נים ריידענדיג וואש ריכטיג און אונריכטיג איז · 9) וואס פאר געסט מען אם לייכטעסטען · 10) וועלכער בויער ווערט גיהאנגען גאר אן אשום פערברעכען · 11) וועלכע וועג איז די ווייטערסטע · 12) ווארום ווייסין דיא יודין פון נייעם פריער אלס אלע אנדערע נאציאנען · 13) ווארום זאגט מען אנאנציין יאר קדיש נאך פערשטארבענע עלטערין · 14) פון וועלבן בעט שטייגט מען פריער ארונטער אלס מען איז אויף איר ארויף · 15) ווער איז דער גליקליכסטער אין דער וועלט ·

## דער ישובניק

אלס מעהאט אמאל אישובניק מכבד גיוועזן מיט חמוש דאס הייסט העלפין דעם בעל קורא גולל צו זיין די ספר תורה אויף דעם שולחן בשעת מען האלט נאך שבת ברכות אום אויף צוא מישין דעם ארט וואו מען זאל לייענען אין דיעם טאג האט ער גיענטפערט איך קען דינען כבוד נים אן נעמען ווייל איך בין גראדע איצונד הייזעריג וויא די טאנד דען איך האב מיך די נאכט צוגעקילט האם איך קען נים אוואורט אויס ריידין ·

## איינע קלוגע אנטווארט פון פארויער ראבינער

אויף איינעם באל ביא דעם גאפאריען דעם ערסטין וואש וואַרען געלאַדן אויף אים אלע גייסטליכע (רוחאָניע לייט) וואר אויך געלאדין דער גרויסער ראבינער פון פאריז וואש וואר אגרויסער חשוב א״נ וואר בעליבט זעהר ביא דעם דארטיגן בישוף וואש האט אים געווירדיגט צו זעצין אים לעבין זיך • נון פאר שטייט זיך דש דער ראבינער האט מער וויא פרובט דארטין ניט גינאסין • אונ דיזעם האט דעם בישוף אזו ווייט גקריינקט דאש ער האט זיך ניט גיקענט איין האלטין אונ האט אויס גשריען מיט איינעם פרוסען ערענסט • א גרויסער גאט וויא דער לעבע איך שוין דיא גליקליכע צייט דאס איין ראבינער זאל שפייזין מיט איינעם קאטוילישען גייסטליכען פון איין שיסיל ! דיזעם קען נאר גשעהען מיין גרויסער הער האט אים גיענטפערט דער ראבינער גאנץ קאלט בליטיג ביא דעם מאלצייט וואש זיי וועלין מאכין צוא איהרע האכצייט •

### דער שטאט חזן

עס וואר אין איינער שטאט אחזן אוואול זינגער ער האט זיך אבער דארטין ניט גיקענט לאנג פאר האלטין ווייל ער האט ניט גיהאט דארטין פון וואנען צו לעבין • אונ איז אזו אוועק אין איין אנדער שטאט אונ אלס עש האט דיא שטאט לייט זייער גקריינקט • ווייל זייא האבן גיליבט זיינע נגונים האט זיך אפ גרופן איינר איין וויץ קאפ קימערט אייך דריבער נאר ניט זיין שטעל קען באטרעטין אליי׳ דער מחהדען ער האט אלע זיינע זאכין ווייל ער האט זייא פאר זעצט ביא אים •

### איין ווארט איבר דעם ענין פון גליק

וואלט מען נאר וועלין גליקלאך זיין האט איין גיוויסער חכם גיזאגט וואלטן עש אלע גיוועזן • דער חסרון אבער איז מען וויל זיין גליקליכער פאר דעם אנדערין •

דער



## דער קאלעקטאר אונ זיין שפילער

וואס איז דיא מעשה מיט אייך ר׳ ראובן דאש מען זעהעט אייך נאר ניט אין דיא אויגין פון דער לעצטע ציהונג אן האט איין געוויסער שפידער גפרעגט זיינעם קאלעקטאר נאך ווייסט איר ניט • האט ער אים גיענטפערט • דאש אקאלעקטאר איז איינער פון דיא וויא פערזוינען וואש באהאלטין זיך אין גיוויסע צייטין אדאקטאר צו דער לויה פון זיינעם פאציענטין • אשדכן צוא דעם תנאים פון דעם שידוך וואש ער האט אויס גפירט • אונ אקאלעקטאר נאך איינער פאר שפילטע ציהונג ווייל דיזע אלע דרייא זעהען דאן אויס וויא בעטריגער :

### דער סאוועטניק

עס וואר אין איינער פריסוטסטווא איין גיוויסער סאוועטניק וואש פלעגט צו ציהען יעדען משפט אימער אין דר לייננג דש דיא בעלי דינים אדר די בעלי משפטים פלעגן פר פאלין צוא ווערין ימים ושנים ארום זייערע דעלעם • נון האט זיך גימאכט איין מאל דאש דיזער סאוועטניק איז ארונטער גיפאלין פון דיא טרעפ זייער שנעל וויא אפייל פון בויגין אונ האט אפוס צו ברעכין • א האט זיך אפ גירופין איינער פון דיא בעלי משפטים דעם ערסטין מאל זעה איך דאס אין דיזער פריסוטסטווא זאל אזו שנעל אונ ריכטיג איין פראצעס בעענדעט ווערין •

### די דינסט אונ איהרע ווירטין

וואס אטאג מער הייבסטו אן מיר וויניגער אונ וויניגער צ נעפעלען האט זיך איינע ווירטין אמאל אפ גערופען צו איר דינסט • אונ דער הער זאגט גראדע פאר קערט • האט זיא איר גיענטפערט ער זאגט וואס אטאג ווייטער קען ער אליין מיר ניט אויס קומען •

דיא

## די אנטווארטען אויף די פראגען

1) דיא חנוכה · 2) ערב ראש חודש תשרי און ערב ראש
חודש חשון · 3) די שרייפעל וואס איז אויף איהם נוטינט אדער
שרויף וועמען גירופען טוטע אדער טוט פקע · 4) דאס וואקס
ארויס פון דעם קיניג אחשורוש · ער האט אויס געפלאסטערט דעם
גארטען וואו ער האט געמאכט דיא סעודה מיט אבנים טובות ·
גוט האט ער דאך געדארפט פערבעטען דאס מען וועט זיא ארויס
גענוהמען אליהו מיט זיין טייל ער האר איך כלף טיפש דען אזו זאגט
אויף איהם און זער גמרא · האט ער אליהו שוין קיין פחד געהאט דער
פאר · 5) ווייל פאר צייטען האר דיא מאדע דאס געמיינע לייט
פלעגען טראגען פוטערס וואס וואריען נאר פון פארינט בעליינט מיט
פוטער ווארג און הינטען האר נאר באטעם געשטעפט מיט וואטין ·
נגידים אבער האבין געמאכט פוטערס וואס ווארען דורך אויס מיט
פוטער · און אלס זיי פלעגען צוא ווערין יורשים פלעגט זיך זייא צו
שטעלין נאר דער פוטער · און דיינקען דאס זייא ווארין אמאל
נגידים · פון היינט עס דאס זייערע גאנצע מגידות בעשטייט
אין דעם דאס זייערע פוטערס האבען דאר אויך פון הינטען · 6) דער
ווידער האל (עבא) אדער די אם הילכונג · 7) ערד עפיל (קארטאפל)
8) דיא צונג פון איינע וואג שאל · 9) דאס גוטעם וואס מען דאס
מקבל נוגעזין פון איינעם אנדערין · נאך מעהר עלטערין 10) אשטיינ
וואס מען רופט עס אויף טייך · דאס בויער · 11) צו דער קעסטע
12) ווייל זייא זיינען אונטער דער פרעסע אדער דרוקי 13) דאמיט
די קינדער פון רייכע עלטערין זאל זיך ניט וועלין דאס די עלטער
זאל גיך שטארבין · 14) פון דער אויף וועלכע מען איז געבאדה
גיוואהרין · 15) דער וואס האלט זיך דער פיר דאס איז אזוא ווי
געמיינט דאס קיין אבזאלוטער (איין ווירקליכער) גליק איז ניט ד
אין דער וועלט · עס קומט נאר אן דיא צוא פרידענהייט מיט ז
זעלבסט און ווייטער ניט ·

---